NEW YORK STATE | NYSERDA New York State Energy Research and Development Authority

**2025 פראגראם יאר, ווערסיע 1.0 – אפליקאציע**

# היים עלעקטריציטעט באנוץ און אפּלייענס צוריקצאלונגען (Home Electrification and Appliance Rebates, HEAR) אפּלייענס אָפּגרעיד פראגראם

**איבערבליק**

די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט (Department of Energy, DOE) האט אוועקגעשטעלט דעם HEAR פראגראם נוצנדיג געלטער פון די אינפלאציע רעדוקציע אקט (Inflation Reduction Act, IRA). NYSERDA האלט אויף דעם אפּלייענס אָפּגרעיד פראגראם (Appliance Upgrade Program) אונטער HEAR, גיבנדיג צוריקצאלונגען ('ריבעיטס') פאר ניו יארקע הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ווייניגער פון 150% פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט (Area Median Income, AMI) פון די סטעיט צו איינקויפן אן ENERGY STAR®-סערטיפייד קליידער דרייער וואס ארבעט אויף א 'היט פאמפ' (אריינרעכנענדיג א וואשער-דרייער מאשין וואס ארבעט אויף א היט פאמפ) און אזוי אויך פאר די ארבעט אויף די עלעקטרישע דראטן און פאנעל וואס איז נויטיג צו אינסטאלירן די מאשין.

**פראגראם בארעכטיגונג**

כדי צו באקומען צוריקצאלונגען דורך דעם אפּלייענס אָפּגרעיד פראגראם, מוזט איר אריינגעבן די אפליקאציע דורך די פאסט אדער אויף https://plan.myenergy.ny.gov/s, באשטעטיגנדיג אז די פאלגנדע באהויפטונגען זענען אמת און ריכטיג:

- איר זענט א גילטיגע אייגנטומער, א היים אייגנטומער אדער א טענאנט פון א הויז וואו נאר איין פאמיליע וואוינט, מיט א הויזגעזונד איינקונפט אונטער 150% פון די AMI
  - *אויב איר ווילט: צו באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט לויט אייער איינקונפט, באזוכט https://www.nyserda.ny.gov/All-Programs/Appliance-Upgrade-Program צו אויסרעכענען די מאקסימאלע איינקונפט לויט אייער קאונטי און לויט די צאל נפשות אין אייער הויזגעזונד, אדער רופט 866-NYSERDA*
- א קליידונג דרייער וואס ארבעט מיט א 'היט פאמפ' איז נאכנישט אינסטאלירט געווארן אין אייער היים

**אנווייזונגען**

<u>ביטע פילט אויס אלע פארלאנגטע טיילן און שורות אנגעצייכנט מיט *</u>

איינמאל איר ענדיגט אויספילן א פארלאנגטע טייל, מאכט ביטע א טשעק אין די באטרעפנדע קעסטל אין **טייל K**, און מאכט זיכער אז אלע פארלאנגטע דאקומענטן זענען גרייט צו אריינגעגעבן ווערן (אויב נוגע).

אויב איר זענט אן אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר אדער א פארטרעטער פון א 'ראַאינישע ריינע ענערגיע צענטער' (Regional Clean Energy Hub), פילט ביטע אויס **טייל E** און מאכט זיכער אז דער איינוואוינער פאר וועם איר אפּלייט שרייבט אונטער אין **טייל L**.

**קומענדיגע שריט**

איינמאל אייער אפליקאציע און פארלאנגטע דאקומענטן (אריינרעכנענדיג **טייל I**) ווערן ערהאלטן, וועט עס נעמען בערך 7 ביז 01 ביזנעס טעג צו איבערקוקן אייער אפליקאציע. אפליקאציעס ווערן איבערגעקוקט אין די סדר לויט ווען זיי זענען ערהאלטן געווארן. דאס נישט אויספילן אלע פארלאנגטע שורות און נישט אריינגעבן אלע פארלאנגטע דאקומענטן קען פירן צו פארשפעטיגונגען אין די אפליקאציע איבערבליק פראצעדור.

אויב אייער אפליקאציע ווערט באשטעטיגט, וועט א באשטעטיגונג בריוו געשיקט ווערן דורך די פאסט צו די אדרעס – און/אדער געשיקט ווערן דורך אימעיל צו די אימעיל אדרעס – וואס ווערט אריינגעגעבן אין **טייל A און/אדער E**. די באשטעטיגונג בריוו וועט האבן <u>צוויי קופאן קאודס פון א קאמבינאציע פון אותיות און נומערן</u>, אויך גערופן <u>אפּלייענס און אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר אינסטאלאציע קופאנס</u>. יעדע קופאן וועט האבן זייער אייגענע דאטום ווען עס וועט אפלויפן ווי אנגעדייטעט אין אייער בריוו.

די <u>אפּלייענס קופאן</u> וועט נאר קענען גענוצט ווערן ביי די אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפט אויסגעוועהלט אין **טייל J**, און איר וועט דארפן ברענגען די קופאן קאָוד צו די געשעפט לאקאציע (אדער אנליין געשעפט) וואס איר האט אויסגעוועהלט כדי עס צו נוצן.

אויב איר דארפט אן אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר (אויסגעשמועסט אין **טייל H**), דאן וועט איר אויסוועהלן איין און זיי ווייזן די <u>אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר אינסטאלאציע קופאן</u> וואס זיי וועלן אויסטויש פאר געלט אויף די MyEnergy וועבזייטל. זיי וועלן אראפרעכענען די באטרעפנדע צוריקצאלונג פאר די עלעקטרישע דראטן און/אדער פאנעל ארבעט (אויב נויטיג) פון אייער ביל.

אויב אייער אפליקאציע וועט נישט באשטעטיגט ווערן, וועט א בריוו ערקלערנדיג די סיבה פארוואס עס איז צוריקגעוויזן געווארן געשיקט ווערן דורך די פאסט צו די אדרעס – און/אדער געשיקט ווערן דורך אימעיל צו די אימעיל אדרעס – וואס ווערט אריינגעגעבן אין **טייל A און/אדער E**.

**הילף מיט די אפליקאציע**

'ראַאינישע ריינע ענערגיע צענטערן' (אויסגעשמועסט אין **טייל E**) און אנטיילנעמנדע קאנטראקטארס קענען ארויסהעלפן און אפּלייען אין אייער נאמען. איר קענט אויך רופן (697-3732) 866-NYSERDA אדער שיקן אן אימעיל צו AUP@nyserda.ny.gov פאר הילף מיט די פאלגנדע: אויספילן די אפליקאציע; טעכנישע הילף מיט https://plan.myenergy.ny.gov/s; פארבינדן ווערן מיט אן אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר אין אייער געגנט און פארשטיין ווען א קאנטראקטאר פעהלט אויס; פארבינדן ווערן מיט א 'ראַאינישע ריינע ענערגיע צענטער' אין אייער געגנט; און אויסוועהלן אן אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפט און נייע אפּלייענס.

**ביילאגעס:**

- ביילאגע A – גילטיגע אייגנטומער סערטיפיקאציע בויגן (נאר פאר טענאנטס)
- ביילאגע B – ליסטע פון אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפטן
- ביילאגע C – ליסטע פון קוואליפיצירטע פראדוקטן

## טייל A: אפליקאנט אינפארמאציע*

פילט אויס די שורות אונטן מיט אייער קאנטאקט אינפארמאציע און היים אדרעס וואו די אפלייענס וועט אינסטאלירט ווערן. אלע שורות וואס זענען אנגעצייכנט מיט א שטערן מוזן אויסגעפילט ווערן.

אפליקאנט נאמען*

אימעיל אדרעס | טעלעפאן נומער* | צווייטע טעלעפאן נומער *(מיט די עיריע קאָוד)*

אדרעס* | אפארטמענט נומער

שטאט* | סטעיט* | קאונטי* | זיפ קאָוד*

פאסט אדרעס* *(פילט נאר אויס אנדערש פון די אדרעס אויבן)*

נאך א קאנטאקט מענטש | קשר צו אפליקאנט | טעלעפאן נומער* *(מיט די עיריע קאָוד)*

אימעיל פון צווייטער קאנטאקט מענטש

## טייל B: היים אינפארמאציע*

**פילט אויס די שורות אונטן פאר די היים פאר וועלכע די אפליקאציע ווערט אריינגעגעבן.**

**היים אייגנטומערשאפט** (וועהלט אויס איין אפציע וואס באשרייבט דאס בעסטע אייער היים):

☐ איך בין דער אייגנטומער ☐ איך בין א טענאנט און איך צאל מיינע יוטיליטיס דירעקט

☐ איך בין א טענאנט און מיינע יוטיליטיס זענען אריינגערעכנט אין די רענט

**סארט געביידע*** (וועהלט אויס איין אפציע וואס באשרייבט דאס בעסטע אייער היים און שרייבט אריין די צאל יוניטס אין די געביידע(אויב נוגע) און שלאף צימערן):

☐ איין פאמיליע____________צאל שלאף צימערן ☐ מער פון איין פאמיליע__________צאל יוניטס__________צאל שלאף צימערן

☐ מעניופעקטשורד/מאָוביל היים______________צאל שלאף צימערן ☐ גרופע היים/שעלטער__________צאל שלאף צימערן

## טייל C: געביידע אייגנטומער אינפארמאציע (נאר פאר טענאנטס)

**אויב איר האט אריינגעפילט אז איר זענט א טענאנט אין טייל B, דאן פילט אויס די שורות אונטן.**

*באמערקונג: די געביידע אייגנטומער סערטיפיקאציע (ביילאגע A) מוז אויסגעפילט און אונטערגעשריבן ווערן דורך דעם געביידע אייגנטומער אדער פראפערטי מענעדזשער גיבנדיג ערלויבעניש צו אינסטאלירן די אפלייענס אין אייער וואוינונג יוניט. ביטע לייגט מיט די אויסגעפילטע און אונטערגעשריבענע קאפיע מיט די אפליקאציע.*

געביידע אייגנטומער'ס נאמען*

אימעיל אדרעס | טעלעפאן נומער *(מיט די עיריע קאָוד)*

**איז די געביידע אייגנטומער'ס אדרעס די זעלבע ווי אייער היים אדרעס?*** ☐ יא ☐ ניין

**אויב "ניין", פילט ביטע אריין די אדרעס אונטן.**

אדרעס

## טייל D: יוטיליטי אינפארמאציע*

**פילט אויס די יוטיליטי אינפארמאציע אונטן פאר די היים פאר וועלכע די אפליקאציע ווערט ארייגעגעבן.**

*באמערקונג: א יוטיליטי ביל(ס) מוז אריינגעגעבן ווערן מיט אייער אפליקאציע וועזנדיג די זעלבע אינפארמאציע אריינגעלייגט אונטן.*

**הויפט הייצונג ברענשטאף סארט*** (וועהלט אויס איינס פאר אייער היים):

☐ עלעקטריציטעט ☐ קויל ☐ אויל ☐ קעראָסין ☐ נאטורליכע גאז ☐ פראָפעין ☐ האלץ ☐ פעלעטס ☐ איך ווייס נישט

☐ עפעס אנדערש: ____________________________

**צווייטע הייצונג ברענשטאף סארט*** (אויב נוגע, וועהלט אויס איינס פאר אייער היים):

☐ עלעקטריציטעט ☐ קויל ☐ אויל ☐ קעראָסין ☐ נאטורליכע גאז ☐ פראָפעין ☐ האלץ ☐ פעלעטס ☐ איך ווייס נישט

☐ עפעס אנדערש: ____________________________

**עלעקטריציטעט יוטיליטי פירמע:***

| יוטיליטי פירמע נאמען | עלעקטריציטעט יוטיליטי אקאונט נומער |
|---|---|
| | |

**הייצונג יוטיליטי פירמע:***

| יוטיליטי פירמע נאמען | עלעקטריציטעט יוטיליטי אקאונט נומער |
|---|---|
| | |

**רעכנט אויס אונטן סיי וועלכע געזונטהייט פראבלעמען אדער ספעציעלע פארלאנגען איבער וועלכע דער קאנטראקטאר דארף וויסן. רעכנט אויך אויס סיי וועלכע דרינגנדע פראבלעמען אין די געביידע, ווי צום ביישפיל א ליעק אין די דאך, פרידזשידערס וואס ארבעטן נישט אדער פעלערהאפטיגע הייצונג עקוויפמענט. לייגט ביטע צו נאך בלעטער אויב נויטיג.**

| |
|---|
| |

## טייל E: שטיצנדע פראפעסיאנאלן/ארגאניזאציעס אינפארמאציע:

**NYSERDA ארבעט מיט א נעטווארק פון פראפעסיאנאלע ענערגיע אדווייזארס וועלכע העלפן אייך שווין מעגליך מיט דעם פראגראם, מיט אנדערע NYSERDA פראגראמען, יוטיליטי פירמע אפפערס און אנדערע לאקאלע הילפס-מיטלען. אויב איר ארבעט יעצט מיט א NYSERDA 'ריינע ענערגיע צענטער' (Clean Energy Hub), שרייבט ביטע אריין וועלכע אונטן. דער פראגראם וועט מיטטיילן באגרעניצטע אינפארמאציע פון דעם פראיעקט מיט די כדי זיי זאלן קענען פארזעצן אייך ארויסצוהעלפן אין יעדע טריט פון די וועג. א ליסטע פון צענטערן קען געפונען ווערן אויך [nyserda.ny.gov/All-Programs/Regional-Clean-Energy-Hubs](https://nyserda.ny.gov/All-Programs/Regional-Clean-Energy-Hubs).**

**אויב איר זענט א פארטרעטער פון א ריינע ענערגיע צענטער, אן אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר וואס אפלייט אין נאמען פון אן איינוואוינער אדער אן איינוואוינער וואס ארבעט יעצט מיט א ריינע ענערגיע צענטער, פילט ביטע אויס די שורות אונטן.**

**אויב איר זענט אינטערעסירט צו ארבעטן מיט א צענטער און קענט נישט צוקומען צו די ליסטע, רופט ביטע 866-NYSERDA.**

ריינע ענערגיע צענטער נאמען און/אדער ארגאניזאציע: ____________________________

נאמען פון צענטער פארטרעטער אדער אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר נאמען* ____________________________

טעלעפאן נומער* ____________________________ צווייטע טעלעפאן (מיט די עיריע קאָוד) ____________________________

אימעיל אדרעס* ____________________________

## טייל F: איינקונפט דאקומענטאציע*

**וועהלט אויס אדער A אדער B אונטן לויט וועלכע פון די אפציעס זענען די פאסיגסטע פאר אייער הויזגעזונד. ביטע מאכט נאר איין אויסוואהל.**

*באמערקונג: לויט אייער אויסוואהל A אדער B, מוז די באטרעפנדע דאקומענט אריינגעגעבן ווערן מיט אייער פארענדיגטע אפליקאציע.*

**.A** ☐ **ווייזן אז איר זענט בארעכטיגט פאר אן אנדערן פראגראם:** (וועהלט אויס איינס פון די פאלגנדע אפציעס פאר וועלכע איר קענט אריינגעבן א קאפיע פון א בריוו וואס זאגט אז איר זענט באשטעטיגט פאר דעם פראגראם מיט א דאטום אין די פארגאנגענע 12 חודשים)

☐ **HEAP** (היים ענערגיע הילף פראגראם/Home Energy Assistance Program)

☐ **SNAP** (סאָפּלעמענטעל נוטרישען הילף פראגראם/Supplemental Nutrition Assistance Program/'פוד סטעמפס'/SNAP NYC)

☐ **SSI** (סאפלעמענטעל סעקיוריטי אינקאָם/Supplemental Security Income)

☐ **TANF** (צייטווייליגע הילף פאר נויטבאדערפטיגע פאמיליס/Temporary Assistance for Needy Families)

☐ **WAP** (וועטער-אינסולירונג הילף פראגראם/Weatherization Assistance Program)

☐ **PA** (פובליק הילף/Public Assistance)

**.B** ☐ **איינקונפט דאקומענטאציע:** (אויב אפציע A, ווי אויסגערעכנט אויבן, איז נישט נוגע פאר אייך, דאן גיבט אריין איינקונפט דאקומענטאציע לויט איינס פון די אפציעס אונטן)

☐ **אפציע 1:** (וועהלט אויס איינס פון די פאלגנדע)

☐ **געהאלט פאפירן (פעי סטאָבס):** אלע גראָוס הויזגעזונד איינקונפט פאר די לעצטע 60 טעג

☐ **סאָושעל סעקיוריטי און/אדער סאָושעל סעקיוריטי דיסאביליטי:** קאפיע פון בריוו באשטעטיגנדיג בענעפיט

☐ **דאקומענטאציע פון אלע סארטן איינקונפט, וועלכע קענען אריינרעכענען:** דיסאביליטי, ארבייטער פארגוטיגונג, אָנעמפּלאָימענט (ארבעטסלאזיגקייט), פענסיע, סופארט פון א מאן/ווייב, 'עניואיטי' באצאלונגען פון אינוועסטירונגען, וועטעראַנס בענעפיטן און אנדערע איינקונפט

☐ **זעלבסט-באשעפטיגונג:** IRS באריכט פון פערטל-יאר פארדינסט פאר די לעצטע דריי חודשים

☐ **אפציע 2:** טעקס ריטורנס

*באמערקונג: די אפציע קען נאר גענוצט ווערן אויב אלע הויזגעזונד מיטגלידער וועלכע זענען פארלאנגט געווען צו פיילן א טעקס ריטורן האבן אזוי געטוהן. אויב איר דאקומענטירט אייער איינקונפט מיט טעקס ריטורנס, דאן מוזן אלע איינקונפט קוועלער דאקומענטירט ווערן מיט טעקס ריטורנס. ריטורנס מוזן זיין די לעצטע פעדעראלע אינקאָם טעקס ריטורן (בײַזן 1040, 1040A אדער 1040EZ). אויב איר דאקומענטירט איינקונפט פון רענט, פון א ביזנעס אדער פארם, מוזט איר אריינגעבן די באטרעפנדע 'סקעדזשול' דאקומענטן (סקעדזשול C, E און F).*

## טייל G: הויזגעזונד און איינקונפט אינפארמאציע*

**לויט אייערע אויסוואהלן אין טייל F, פילט ביטע אויס די טשארט פאר יעדע פון אייערע הויזגעזונד מיטגלידער, לויט די קעפל אין די אויבערשטע שורה.** *(אויב עס איז נישטא גענוג פלאץ פאר אלע הויזגעזונד מיטגלידער, לייגט ביטע צו נאך בלעטער.)*

אויב איר האט אויסגעוועהלט אפציע A אין טייל F, פילט ביטע אויס די פאלגנדע אינפארמאציע: פולע נאמען, דזשענדער (מאן/פרוי/אנדערע), עלטער, שילער.

אויב איר האט אויסגעוועהלט אפציע B אין טייל F, פילט ביטע אויס אלע קעסטלעך, אבער <u>וועהלט אויס נאר איינס פון די פאלגנדע</u>: געהאלט באצאלט וועכנטליך, יעדע צוויי וואכן, חודש'ליך אדער יערליך אין איינשטימונג מיט די דאקומענטן אויסגעוועהלט אויבן.

פאר דזשענדער, נוצט ביטע די פאלגנדע נומערן: 1. אידענטיפיצירט זיך אלס מאן, 2. אידענטיפיצירט זיך אלס פרוי, 3. אנדערע

**סך הכל צאל מענטשן אין אייער הויזגעזונד:** ____________

| פולע נאמען (A און B)* | דזשענדער (A און B)* | עלטער (A און B)* | שילער (יא אדער ניין) (A און B)* | איינקונפט קוואל (B)* | וועכנטליכע געהאלט (B)* | געהאלט יעדע צוויי וואכן (B)* | חודש'ליכע געהאלט (B)* | יערליכע געהאלט (B)* |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | |
| | | | | | | | | |
| | | | | | | | | |
| | | | | | | | | |
| | | | | | | | | |
| | | | | | | | | |
| **סך הכל איינקונפט פאר הויזגעזונד:** | | | | | | | | |

## טייל H: אפּלייענס, עלעקטריציטעט און אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר אינפארמאציע

**אנטיילנעמנדע קאנטראקטארס שטעלן צו אפּלייענס אינסטאלאציעס, עלעקטרישע דראטן און פאנעל ארבעט און אזוי אויך צוריקצאלונגען פאר די ארבעט אויף די עלעקטרישע דראטן און פאנעל דורך די אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר אינסטאלאציע קופאן.**

**פילט אויס די פאלגנדע שורות לויט איבער אייער יעצטיגע מצב מיט א דרייער און עלעקטריציטעט. אייערע ענטפערס אויף די פראגן וועלן העלפן NYSERDA אייך צו העלפן פארבינדן ווערן מיט אן אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר אין אייער געגנט, אויב נויטיג.**

**אויב איר האט יעצט א קליידער דרייער, וועלכע סארט ברענשטאף נוצט עס?***

☐ עלעקטריציטעט ☐ גאז ☐ פּראָפּיין ☐ איך האב יעצט נישט קיין קליידער דרייער

*באמערקונג: אויב איר האט אויסגעוועהלט "גאז" אדער "פּראָפּיין", וועט איר מעגליך דארפן האבן א פלאמבער צו אפּהאקן און פארדעקן אייער גאז רער בעפאר אייער נייע אפּלייענס ווערט אינסטאלירט. רופט 866-NYSERDA אדער שיקט אן אימעיל צו AUP@nyserda.ny.gov פאר הילף מיטן באשטימען אויב דאס איז נויטיג און צו פארבינדן ווערן מיט אן אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר.*

**אויב איר האט אויסגעוועהלט "גאז" אדער "פּראָפּיין" אדער "איך האב יעצט נישט קיין קליידער דרייער" אויבן, ענטפערט ביטע אויף די פאלגנדע פראגן.**

**האט איר א 240V שאלטער אין די פלאץ וואו אייער יעצטיגע קליידונג דרייער ליגט — אדער וואו איר פלאנירט עס צו לייגן אויב איר האט נישט איינס?***

☐ יא ☐ ניין ☐ נישט זיכער

*באמערקונג: אויב איר האט אויסגעוועהלט "ניין" אדער "נישט זיכער", וועט איר מעגליך דארפן ארבעט אויף די עלעקטרישע דראטן צו אינסטאלירן אייער אפּלייענס. רופט866-NYSERDA אדער שיקט אן אימעיל צו AUP@nyserda.ny.gov פאר הילף מיטן באשטימען אויב דאס איז נויטיג און צו פארבינדן ווערן מיט אן אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר.*

**צי ווייסט איר וויפיל עמפּס אייער יעצטיגע עלעקטריציטעט פאנעל האט? אויב "יא", וויפיל עמפּס האט עס און פאר וויפיל ברעיקערס איז דא פלאץ?***

☐ יא__________ עמפּס און עס איז דא פלאץ פאר __________ ברעיקערס ☐ ניין ☐ נישט זיכער

*באמערקונג: געוואנדן אויף וויפיל עמפּס אייער פאנעל האט, וועט איר מעגליך אויך דארפן אויסברייטערן אדער טוישן אייער עלעקטרישע פאנעל צו אינסטאלירן אייער אפּלייענס. רופט 866-NYSERDA אדער שיקט אן אימעיל צו AUP@nyserda.ny.gov פאר הילף מיטן באשטימען אויב דאס איז נויטיג און צו פארבינדן ווערן מיט אן אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר.*

*די ליסטע פון אנטיילנעמנדע קאנטראקטארס קען אויך געפונען ווערן דא https://www.nyserda.ny.gov/-/media/Project/Nyserda/Files/Programs/Appliance-Upgrade-Program/Appliance-Upgrade-Program-Participating-Contractors.pdf*

## טייל I: אפּלייענס אינפארמאציע – בילד מיט 'דזשיאָ-טעג'*

**א בילד מיט א 'דזשיאָ-טעג' פון אייער עקזיסטירנדע קליידער דרייער, אדער פון די פלאץ וואו איר פלאנירט צו אינסטאלירן די נייע קליידער דרייער, איז פארלאנגט. די 'דזשיאָ-טעג' אויף די בילד האלט די אינפארמאציע איבער די געאגראפישע לאקאציע וואו די בילד איז גענומען געווארן. NYSERDA דארף האבן די בילד צו פעסטשטעלן אז די קליידער דרייער וואס איז דערמאנט אין טייל H געפונט זיך אין אייער היים. NYSERDA האט געמאכט א וועבזייטל בלאט וואו איר קענט אפּלאָודן א בילד פון א סמארטפאון, קאמפּיוטער אדער טאבלעט און עס וועט ארויפלייגן די 'דזשיאָ-טעג' אויף די בילד פאר אייך. די פאלגנדע פראגן וועלן העלפן NYSERDA באשטימען אויב איר קענט אליין נעמען און אפּלאָודן די בילד אדער אויב עס דארף געטוהן ווערן דורך די אפּלייענס אַפּגרעיד פראגראם איינגעשטעלטע.**

**אייער מעגליכקייט צו אליין נעמען און אפּלאָודן די בילד וועט נישט האבן קיין ווירקונג אויף אייער בארעכטיגונג פאר דעם אפּלייענס אַפּגרעיד פראגראם.**

**אויב איר האט איבערגעגעבן אן אימעיל אדרעס אין טייל A, צי קענט איר נעמען א בילד און עס אפּלאָודן צו א וועבזייטל בלאט פון א לינק געשיקט צו די אימעיל?***

☐ יא ☐ ניין ☐ נישט נוגע

**אויב איר האט נישט איבערגעגעבן אן אימעיל אדרעס אין טייל A, אבער איר האט צוגעלייגט נאך א קאנטאקט מענטש, צי קענען זיי נעמען און אפּלאָודן די בילד פאר אייער וועגן?***

☐ יא ☐ ניין ☐ נישט נוגע

*אויב איר האט אויסגעוועהלט "יא" אויף איינס פון די אויבערשטע צוויי פראגן, דאן וועט איר אדער דער אנדערער קאנטאקט מענטש באקומען אן אימעיל מיט די לינק צו אפּלאָודן אייער בילד און די אנווייזונגען וויאזוי דאס צו טוהן. פאר הילף, פארבינדט זיך מיט AUP@nyserda.ny.gov אדער רופט 866-NYSERDA.*

*אויב איר האט אויסגעוועהלט "ניין" אדער "נישט נוגע" אויף ביידע פראגן אויבן, וועט NYSERDA זיך פארבינדן מיט אייך אויף די טעלעפאן נומער וואס איז איבערגעגעבן געווארן אין טייל A צו באשטימען א באזוך דורך איינער פון די אפּלייענס אַפּגרעיד פראגראם איינגעשטעלטע צו נעמען א בילד פאר אייך.*

## טייל J: אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפטן און אפלייענס איוסוואהל*

**וועהלט אויס די אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפט פון די ליסטע אין ביילאגע B וואו איר ווילט קויפן אייער ®ENERGY STAR-סערטיפייד היט פאמפ קליידער דרייער. גלייך בעפארן באצאלן וועט איר ווייזן אייער אפלייענס קופאן פאר די אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפט עס צו איוסלייזן און באקומען אייער צוריקצאלונג.**

**וועלכע אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפט ווילט איר איוסוועהלן?*** (וועהלט אויס איין און שרייבט די ריטעיל געשעפט'ס פירמע נאמען — נישט די לאקאציע וואו איר פלאנירט צו באזוכן):

---

*באמערקונג: נאר אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפטן קענען איוסלייזן אפלייענס קופאנס. אויב איר דארפט הילף, פארבינדט זיך ביטע מיט 866-NYSERDA אדער שיקט אן אימעיל צו AUP@nyserda.ny.gov.*

*די ליסטע פון אנטיילנעמנדע קאנטראקטארס קען אויך געפונען ווערן דא:*
*https://www.nyserda.ny.gov/-/media/Project/Nyserda/Files/Programs/Appliance-Upgrade-Program/AUPretailers.pdf*

*און עס ווערט איבערגעארבעט פון צייט צו צייט. רופט 866-NYSERDA פאר אינפארמאציע איבער סיי וועלכע ענדערונגען צו די ליסטע.*

***צו איוסוועהלן די פירמע און מאדעל פון אייער ®ENERGY STAR-סערטיפייד היט פאמפ קליידער דרייער, קוקט ביטע איבער די ליסטע פון קוואליפיצירטע פראדוקטן (ביילאגע C) און דאן זעהט אויב אייער איוסוואהל איז דא צו באקומען ביי די אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפט (פיזישע לאקאציע אדער אנליין) וואו איר האט איוסגעוועהלט און וויפיל עס קאסט. די ליסטע פון קוואליפיצירטע פראדוקטן קען אויך געפונען ווערן דא:***
***https://www.nyserda.ny.gov/-/media/Project/Nyserda/Files/Programs/Appliance-Upgrade-Program/AUPqualifiedproducts.pdf.***

## טייל K: טשעקליסטע

**איינמאל איר ענדיגט איוספילן די פארלאנגטע טיילן, מאכט ביטע א טשעק אין די באטרעפנדע קעסטלעך אונטן, און מאכט זיכער אז פארלאנגטע דאקומענטן, אויב זיי פעהלן אויס, זענען גרייט צו אריינגעגעבן ווערן מיט די איוסגעפילטע אפליקאציע. פארלאנגטע טיילן און דאקומענטן זענען אנגעצייכנט מיט *.**

**ביטע לייגט מיט בלעטער 2 ביז 01 איוסגעפילט מיט די אריינגעגעבענע דאקומענטן און סיי וועלכע צוגעלייגטע בלעטער וואס קענען זיין נויטיג פאר טייל D. איר קענט האלטן בלאט 1 און ביילאגעס B און C פאר אייערע רעקארדס.**

- ☐ **טייל A און B: אפליקאנט און היים אינפארמאציע***
- ☐ **טייל C: גערייעדע אייגנטומער אינפארמאציע (נאר פאר טענאנטס):**
  - ☐ פילט אויס טייל C מיט גערייעדע אייגנטומער אינפארמאציע (אויב נוגע)*
  - ☐ גיבט איבער די איוסגעפילטע און אונטערגעשריבענע גערייעדע אייגנטומער סערטיפיקאציע (ביילאגע A)*
- ☐ **טייל D: יוטיליטי אינפארמאציע*:**
  - ☐ גיבט אריין א קאפיע פון אייער דעטאלירטע עלעקטריציטעט און גאז יוטיליטי ביל און/אדער א ביל פון א ברענשטאף סופלייער אויב איר נוצט פראָפעין, אויל, קעראָוסין, האלץ אדער קויל פאר הייצונג*
- ☐ **טייל E: שטיצנדע פראפעסיאנאלן/ארגאניזאציעס אינפארמאציע:**
  - ☐ פילט אויס אויב איר זענט א פארטרעטער פון א ריינע ענערגיע צענטער אדער אן אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר וואס אפלייט אין נאמען פון אן איינוואוינער
- ☐ **טייל F: איינקונפט דאקומענטאציע*:**
  - ☐ גיבט איבער דאקומענטן וואס ווייזן אז איר זענט שוין בארעכטיגט פאר אנדערע בענעפיטן אויב איר וועהלט אויס צו איפּרווייזן אייער בארעכטיגונג אויף די וועג; אדער
  - ☐ גיבט איבער איינקונפט דאקומענטאציע מיט א דאטום אין די פארגאנגענע 21 חודשים
- ☐ **טייל G: הויזגעזונד און איינקונפט אינפארמאציע***
- ☐ **טייל H:** אפלייענס, עלעקטריציטעט און אנטיילנעמנדער קאנטראקטאר אינפארמאציע*:
  - ☐ מאכט א פלאן צו רופן 866-NYSERDA אדער שיקן אן אימעיל צו AUP@nyserda.ny.gov אויב אייערע איוסוואהלן דייטן אן אז איר וועט מעגליך דארפן ארבעט אויף די עלעקטרישע דראטן און/אדער פאנעל און אזוי אויך אן אנטיילנעמנדע קאנטראקטאר פאר די אינסטאלאציע פון אייער אפלייענס.
- ☐ **טייל I: אפלייענס אינפארמאציע – בילדער מיט 'דזשיאָו-טעג'*:**
  - ☐ אויב נוגע, זייט גרייט צו באשטימען א באזוך פון NYSERDA צו נעמען א בילד פון אייער עקזיסטירנדע קליידער דרייער (אדער פון די פלאץ וואו איר פלאנירט צו אינסטאלירן די נייע קליידער דרייער אויב איר האט נאכנישט איין)
- ☐ **טייל J: אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפטן און אפלייענס איוסוואהל*:**
  - ☐ וועהלט אויס אן אנטיילנעמנדע ריטעיל געשעפט פון ביילאגע B
- ☐ **טייל K: טשעקליסטע**
- ☐ **טייל L: אפליקאנט דעקלעראציע און אונטערשריפט***
- ☐ **טייל M: הויזגעזונד דעמאגראפישע אינפארמאציע***

**ביטע שיקט אריין אלע דאקומענטן דורך די פאסט צו די פאלגנדע אדרעס: Appliance Upgrade Program**
**C/O TRC Companies**
**3 Corporate Dr. Suite 202**
**Clifton Park, NY 12065**

## טייל L: אפּליקאַנט דעקלעראַציע און אונטערשריפט*

איך גיב מיין ערלויבעניש אז די באשלוס אויב איך בין בארעכטיגט און די אינפארמאציע איבערגעגעבן אין די אפּליקאַציע, באַווייז דאקומענטן
אריינרעכענענדיג איינקונפט דאקומענטאציע, און אזוי אויך אינפארמאציע איבער די סטאטוס פון דעם פראיעקט ביי מיר און פראיעקט אינפארמאציע
(אריינרעכענענדיג עקזיסטירנדע הויזגעזונד אומשטענדן, אינסטאלאציעס, ענערגיע איינשפארונגען און אנדערע אינפארמאציע) — צו ארויסגעגעבן
ווערן צו די פאלגנדע: NYSERDA און אירע פארשטייער; די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט און אירע פארשטייער, אויב מיין פראיעקט
באקומט פעדעראלע געלטער; די NYS וועטער-אינסולירונג הילף פראגראם (Weatherization Assistance Program, WAP) און/אדער אירע
דעזיגנירטע פארשטייער; סיי וועלכע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן פאר NYSERDA פראגראמען; מיינע עלעקטריציטעט און
נאטורליכע גאז יוטיליטי פירמעס; און די פאלגנדע מענטשן אדער ארגאניזאציעס:

_________________________________________ מיט וועם איך האב געארבעט

פאר די צוועק פון מיר ארויסהעלפן מיטן אויספילן און אריינגעבן די אפּליקאַציע. דער אפּליקאַנט איז מסכים און גיבט ערלויבעניש פאר זייער
יוטיליטי פירמע צו מיטטיילן אינפארמאציע איבער דעם אנטיילנעמנדער אפּליקאַנט און/אדער אינפארמאציע אויף די שטאפל פון דעם פראיעקט מיט
איינגעשטעלטע פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service) און NYSERDA, אריינרעכענענדיג
אירע אגענטן אדער אויטאריזירטע פארשטייער, אין איינקלאנג מיט די אויטאריטעט פון NYSERDA'ס ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע
(Public Service Commission) און געזעצליך-אויטאריזירטע פאראנטווארטליכקייטן, אריינרעכענענדיג, צווישן אנדערע, צו שטיצן מארקעט
אנטוויקלונג איניציאטיוון און אנדערע אקטיוויטעטן צו אפשאצן און מעסטן די ווירקונג פון פראגראמען. (פאר קלארקייט: אינפארמאציע אויף די שטאפל
פון דעם פראיעקט רעכנט אריין אינפארמאציע איבער די פארנעם פון דעם גאנצן פראיעקט, אריינרעכענענדיג, צווישן אנדערע, כללות'דיגע און
אנאנימע אינפארמאציע איבער די גאנצע געביידע, א געוויסע געביידע אדער געוויסע טיילן פון דעם פראיעקט.) דער אפּליקאַנט איז מסכים און גיבט
ערלויבעניש פאר אינפארמאציע איבער דעם אנטיילנעמנדער אפּליקאַנט און/אדער אינפארמאציע אויף די שטאפל פון דעם פראיעקט צו מיטגעטיילט
ווערן מיט איינגעשטעלטע פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס און מיט די פאסיגע לאקאלע יוטיליטי פירמע, אריינרעכענענדיג
אירע אגענטן אדער אויטאריזירטע פארשטייער, כדי צו אויספירן אירע פאראנטווארטליכקייטן אונטער די באפעהלן פון די ניו יארק סטעיט פובליק
סערוויס קאמיסיע. (פאר קלארקייט: אינפארמאציע אויף די שטאפל פון דעם פראיעקט רעכנט אריין אינפארמאציע איבער די פארנעם פון דעם גאנצן
פראיעקט, אריינרעכענענדיג, צווישן אנדערע, אינפארמאציע איבער די גאנצע געביידע, א געוויסע געביידע אדער געוויסע טיילן פון דעם פראיעקט.)
איך פארשטיי אז די אינפארמאציע איבערגעגעבן דורך מיר קען גענוצט ווערן זיך צו פארבינדן מיט מיך אדער מיך צו העלפן אויסנוצן סיי וועלכע
יעצטיגע אדער צוקונפטיגע פראגראם אפפערס פאר וועלכע איך קען מעגליך זיין בארעכטיגט און פאר די צוועקן פון באשטימען אויב און פאר וויפיל
הילף איך בין בארעכטיגט פון NYSERDA און/אדער יוטיליטי פירמע פראגראמען און פינאנציעלע רייץ מאסנאמען צו שפארן ענערגיע פאר פריוואטע
קליענטן, באשטימען בארעכטיגונג פאר די NYS WAP, צו שאצן וויפיל ענערגיע איר וואלט מעגליך געקענט שפארן און פאר צוועקן פון אפשאצן
די השפעה פון פראגראמען. איך פארשטיי אז אלע אינפארמאציע וועט געהאלטן ווערן אין געהיים אויף ווי ווייט עס איז ערלויבט דורך דעם געזעץ.
איך פארשטיי אז אויב די סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט דורך NYSERDA'ס פראגראמען פאר פריוואטע ענערגיע באניצער אדער דורך די NYS
WAP — וועט מיין באטייליגונג אין די פראגראמען נישט האבן קיין ווירקונג אויף מיין סאָשעל סעקיוריטי, רעגירונג בענעפיטן אדער סיי וועלכע
אנדערע איינקונפט. איך פארשטיי אז די אפּליקאַציע גאראנטירט נישט אז הילף וועט געשאנקען ווערן פאר מיר. צי סערוויסעס וועלן יא אדער נישט
צוגעשטעלט ווערן ווענדט זיך אויף די צאל אפּליקאַציעס ערהאלטן און אויף די אוועילעבילטי פון געלטער און אויף די פריאריטעטן וועלכע געשטעלט
דורך די פראגראמען. איך בין מסכים צו גיבן פאר NYSERDA פארשטייער, די NYS WAP פארשטייער און פאר אומאפהענגיגע אנטיילנעמנדע
קאנטראקטארס צוטריט צו מיין וואוינונג ארט אין צייטן וואס זענען אנגענומען אויף ביידע צדדים, כדי צו דורכפירן פראגראם אקטיוויטעטן
אריינרעכענענדיג ענערגיע אינספעקציעס, אינסטאלאציעס פון אינפראסטרוקטור/אפּלייענס, קוואליטעט פארזיכערונג און אפשאצונג אקטיוויטעטן.
איך פארשטיי אז אנטיילנעמענדע קאנטראקטארס זענען אומאפהענגיגע קאנטראקטארס און גיבן א גאראנטירונג ('וואראנטי') צו פאררעכטן אומזיסט
סיי וועלכע פראבלעמען פון די ארבעט וואס זיי האבן געטוהן פאר איין יאר. איך פארשטיי אויך אז אנטיילנעמנדע קאנטראקטארס און פארקויפער
וועלן גיבן פאסיגע וואראנטיס אויף סיי וועלכע עקוויפמענט וואס זיי האבן צוגעשטעלט און אז קיין שום צוגאבליכע וואראנטיס ווערן נישט געגעבן דורך
NYSERDA אדער די NYS WAP. איך דעקלער און באשטעטיג, אונטער די שטראפן פון געזעץ, אז די באהויפטונגען וואס זענען געמאכט געווארן
אויף אלע טיילן פון די אפּליקאַציע, אריינרעכענענדיג באהויפטונגען געמאכט אויף סיי וועלכע צוגעלייגטע דאקומענטן, זענען איבערגעקוקט געווארן
דורך מיר און זענען אמת און די גאנצע אמת — אויף ווי ווייט איך ווייס.

איך פארשטיי אז מיין אונטערשריפט אויף די בויגן גיבט ערלויבעניש פאר NYSERDA, פארשטייער פון די NYS WAP און זייערע דעזיגנירטע
שליחים צו זיכער מאכן מיין בארעכטיגונג פאר NYSERDA'ס פראגראמען און פאר די NYS WAP. איך גיב מיין צושטימונג צו סיי וועלכע
אנפראגעס צו פעסטשטעלן אדער באשטעטיגן די אינפארמאציע וואס איך האב איבערגעגעבן. איך פארשטיי אז אויב איך גיב פאלשע
אינפארמאציע אדער האלט צוריק אינפארמאציע כדי צו באקומען בענעפיטן פאר וועלכע איך בין נישט בארעכטיגט — קען איך אנגעקלאגט
ווערן אויף די פולסטע פארנעם וואס דער געזעץ ערלויבט. איך דעקלער אויך אז קיין איין מענטש פון די וועלכע זענען אויסגערעכנט אויף די
אפּליקאַציע איז נישט אומבארעכטיגט פאר וועטער-אינסולירונג סערוויסעס אונטער דעם אימיגראציע רעפארם און קאנטראלירונג אקט פון
1986 (Immigration Reform and Control Act/Public Law 99-063).

_____________________________________________

אונטערשריפט דאטום

איך פארשטיי אז מיין אונטערשריפט אויף די בויגן גיבט ערלויבעניש פאר NYSERDA.

אייער קאנטאקט אינפארמאציע קען מיטגעטיילט ווערן מיט אנדערע פראגראמען פון NYSERDA פאר פריוואטע ענערגיע באניצער.

אויב איר ווילט דאס נישט, מאכט ביטע א טשעק דא ☐

## טייל M: הויזגעזונד דעמאגראפישע אינפארמאציע*

**כדי צו ארויסהעלפן NYSERDA צו פארשטיין די השפעה וואס אונזערע פראגראמען האבן אויף לאקאלע קאמיוניטיס, פילט ביטע אויס די פאלגנדע דעמאגראפישע פראגן. אייערע ענטפערס אויף די פראגן וועלן נישט האבן קיין ווירקונג אויף אייער בארעכטיגונג פאר דעם אפלייענס אָפּגרעיד פראגראם.**

**דייט אן די צאל הויזגעזונד מיטגלידער וואס זענען:***

**דיסעיבעלד:__________ פאראנגענע/יעצטיגע מיליטער מיטגלידער:___________ דייט אן אויב דער**

**אפליקאנט איז*:** (וועהלט אויס צום ווייניגסטנס איין, און וויפיל עס איז נוגע)

☐ איך וויל ענדערש נישט ענטפערן ☐ רויטער אינדיאנער/אלאסקע-אפשטאמיגער ☐ אזיאנער ☐ טונקל-הויטיג אדער אפריקאנער-אמעריקאנער

☐ האוואי- אדער פאציפישע אינזלען-אפשטאמיגער ☐ ווייס ☐ אומבאקאנט ☐ אנדערע

**דייט אן אויב דער אפליקאנט איז*:**

☐ היספאניש, לאטינאָ אדער שפאנישע אפשטאם ☐ נישט היספאניש, לאטינאָ אדער שפאנישע אפשטאם ☐ אומבאקאנט

☐ וויל ענדערש נישט ענטפערן

**דייט אן וויפיל פון די הויזגעזונד מיטגלידער זענען*:**
(רעכנט אריין די סך הכל צאל פון הויזגעזונד מיטגלידער אין איינשטימונג מיט די אינפארמאציע אין טייל F)

**צאל** **ראַסע**

__________________ רויטער אינדיאנער אדער אלאסקע-אפשטאמיגער

__________________ אזיאנער

__________________ טונקל-הויטיג אדער אפריקאנער אמעריקאנער

__________________ האוואי- אדער אנדערע פאציפישע אינזלען-אפשטאמיגער

__________________ ווייס

__________________ אנדערע

__________________ איך וויל ענדערש נישט ענטפערן

**דייט אן די אפשטאם פון הויזגעזונד מיטגלידער, אריינרעכנענדיג דעם אפליקאנט*:**

**צאל** **אפשטאם**

__________________ היספאניש, לאטינאָ אדער שפאנישע אפשטאם

__________________ נישט היספאניש, לאטינאָ אדער שפאנישע אפשטאם

__________________ אומבאקאנט

__________________ איך וויל ענדערש נישט ענטפערן

NYSERDA New York State Energy Research and Development Authority

PRD-AUP-app-form-1-v1_yi 4/25